# ליטעראַטור - כראָניק

★ אין לאַנד געפינט זיך אויף אַ באַזוך, פון ניו־יאָרק, דער שרייבער **בנימין עלים**. פאַר דער מלחמה — אין וואַרשע, מלחמה־צייט אין רוסלאַנד, געזעסן דאָרט העכער 3 יאָר אין די טורמעס, לאַגערן. מיט 3 יאָר צוריק איז ער אויך געווען דאָ אויף באַזוך. דאָס מאָל איז ער געקומען צוזאַמען מיט זיין יונגער טאָכטער. ב. ע. איז מחבר פון עטלעכע ביכער דערציילונגען און פיעסעס. ער אַרבעט מיט אין יידישן לעקסיקאָן.

★ די אַקטריסע **נאַטאַליע ליפמאַן**, וועלכע האָט געוווינט די לעצטע יאָרן אין אַרגענטינע און טשילי, וווינט היינט ביי איר זון אין תל־אביב, איז געוואָרן אַ בת שבעים. זי האָט לעצטנס אָנטיילגענומען אין אַ פילם דאָ, צוזאַמען מיט אַקטיאָרן פון „הבימה" און „קאַמערי".

★ **ד"ר חיים שאָשקעס** האָט בעת זיין איצטיקן באַזוך אין ישראל, געהאַלטן העכער 20 רעפעראַטן אין לאַנד. ס'רוב איינגעאָרדנטע פון דער הסתדרות.

★ **יוסף ראָטנבערג**, דער לייטער פון דער י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע במשך עטלעכע חדשים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ ער האָט וווערבירט אַ צאָל אַבאָנענטן און מיטשטיצער פאַרן י. ל. פרץ־פאַרלאַג. ער האָט דאָרט באַזוכט אַ ריי שטעט און אויפגעטרעטן מיט רעדעס וועגן קולטור־לעבן אין ישראל בכלל און באַזונדערס וועגן דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק און פאַרלאַג.

★ אין הדר יוסף איז אין מפ"ם־קלוב פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט מיט אָנטייל פון **בונים העלער** און **א. וו. יאַסני**.

★ ס'איז געפייערט געוואָרן אין בית המלין אין תל־אביב דער 85סטער געבוירנטאָג פון **נחמן דרוזדוב**, מחבר פון אחד העם־בוך. געוווינט יאָרן אין אַמעריקע, פועלי־ציון־עסקן, האָט עולה געווען און וווינט אין בית אבות אין חולון.

★ **ק. צעטניק** איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין רוים, לאָנדאָן און האָליוווד, — אין ענין פון פילמירן זיין „דאָס הויז פון די ליאַלקעס".

★ ס'איז פאָרגעקומען אין תל־אביב דער ערשטער וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישע פאָלקלאָריסטן, אָרגאַניזירט דורך ד"ר יום־טוב לעווינסקי פון די פאַרויסגעזעענע געסט און דעלעגאַטן פון אויסלאַנד —